STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01110

# NOENTE GESHTALTN

Itzik Manger

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by David, Joel & Martin Brochstein*
*in honor of*
*Harry Brochstein*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאַנגער

# נאָענטע געשטאַלטן

פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ • וואַרשע • 1938

X P 2547

Printed in Poland

I. MANGER: „Noente geształtn"

Wydawn. Ch. Brzoza, Warszawa.

Druk. „Grafia", Warszawa

יעקב מארגנשטערן

רב שיעלע קאָלושקער, דער זאָקן־פאַבריקאַנט, אַ הויכער ברייטפּלייציקער ייד מיט אַ רויטלעך־געקרויזטער באָרד און בלויע וואַסערדיקע אויגן, גייט־אַרום איבערן צימער אַהין און צוריק. ער פּיפּקעט די ליולקע, שפּייט אַלעמאָל אויס אין אַ זייט און רעדט ווי צו זיך אַליין:

„נישט איז נישט. מי לנו גדול. אַ קלייניקייט, אַ קלייניקייט, ר׳ יאָסעלע בזשעזאָווסקי... איר הערט, ר׳ יאַנקל — ס׳איז נישט געפּידלט און נישט געפּאָרן״.

יעקב מאָרגנשטערן, אַ מיטל־וווּקסיק מאָגער יידל, סאַמע הויט און ביינער, זיצט ביים טיש. די גאַנצע צייט האָט ער געוואַרט, אַז ר׳ שיעלע זאָל אים געבן אַ תשובה.

„איר האָט עפּעס געזאָגט, ר׳ שיע?״

דער זאָקן־פאַבריקאַנט גייט־צו צום טיש, זעצט זיך אַוועק אַנטקעגנאיבער דעם שדכן, באַטראַכט אים מיט זיינע וואַסערדיקע אויגן און זאָגט נאָכאַמאָל הויך אויף אַ קול, ציילנדיק די ווערטער:

„כ׳האָב פיינט יחסנים, ר׳ יאַנקל. מיין בת־יחידה איז ביי מיר דאָס אויג אין קאָפּ. כ׳האָב געזאָגט, אַז איך גיב כך וכך נדן. כ׳נעם דעם יונגנמאַן צו זיך אין פאַבריק, כ׳וויל אים מאַכן פאַר אַ מענטש. איז וואָס בלאָזן זיי זיך אַזוי, די בזשעזאָווסקים? שטעקן זיך פעדערן אין... איך בעט איבער אייער כבוד״.

יעקב מאָרגנשטערן פאַרשטייט דעם כעס פון ר׳ שיעלע קאָ־לושקער. אַז מען וויל, איז ער אפילו גערעכט. קיין שום שידוך איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי שווער, ווי דער איצטיקער. אייגנט־לעך וואָלט ער געדאַרפט שפּייען קלעק אויף דער גאַנצער מעשה. נאָר ער קאָן נישט, ער טאָר נישט. זיין פּלוניתטע איז לעצטנס שטאַרק נישט מיט אַלעמען, מען דאַרף זי קורירן. דער ווינטער

איז צונעפאַלן מיט שנייען און פרעסט און די קינדער זיינע גייען־אַרום נאַקעט און באָרוועס. דער באַלעבאָס פון דער דירה, ווו ער וווינט, האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מער איז ער נישט מחויב צו וואַרטן. דער דאָזיקער שידוך צווישן יאָסעלע בזשעזאָווסקיס זון און שיעלע קאָלושקערס בת־יחידה קאָן אים ראַטעווען. ער האָט שוין אַ סך אריינגעאַרבעט, געפלויגן אהין און אהער, געפּרוווט אויסגלייכן, אויסגלעטן, כדי ס׳זאָל צושטאַנדקומען. נאָר תמיד, ווען ס׳האַלט שוין אויף אַ דרך, טוט־אָפּ דער שטן, ימח שמו, אַ שפּיצל און ס׳ווערט קאַליע, האַלט אינגאַנצן ביים פאַנאַנדערפאַלן.

„איר זענט אוודאי גערעכט, ר׳ שיע, — זאָגט ער צום פאַבריקאַנט — ר׳ יאָסעלע בזשעזאָווסקי בלאָזט זיך טאַקע, אָבער ס׳איז פאָרט אַ גלייכער שידוך — אַ זיווג מן השמים. פאָלגט מיך, ר׳ שיע, און לאָזט אייערס איבערגיין. איר וועט זען, אַז ס׳וועט זיין גוט, גאָט און לייט וועלן אייך מקנא זיין״.

ר׳ שיעלע קאָלושקער שווייגט, פּיפּקעט די פּיפּקע און קוקט אויף די וואָלקנס רויך, וואָס קרייזלען זיך איבערן צימער און ווערן צערונען.

„הייסט עס, — זאָגט יעקב מאָרגנשטערן, — אַז מאָרגן מער־צעשעם כאַפּ איך זיך אריבער צו יאָסעלע בזשעזאָווסקי און וועל אים זאָגן, אַז איר זענט מסכים און מען קאָן שוין ברעכן טעלער אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה?״

דער מאָגערער שדכן מיטן רונד־געשווירענעם בערדל הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, פאַרקנעפּלט דעם אָפּגעריבענעם פּאַלטן און לאָזט זיך גיין צו דער טיר.

ר׳ שיעלע קאָלושקער הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, גייט־צו פּאַמעלעך נישט געאיילט זיך, צו יעקב מאָרגנשטערן, וואָס האַלט שוין די האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר:

„פון מיינעטוועגן קאָנט איר נאָכאַמאָל אַרויפגיין צו די בזשעזאָווסקיס. נאָר זאָגן זאָלט איר זיי צום סאַמע לעצטן מאָל, אַז איך ביז גרייט צו סילוקן דעם נדן פאַר דער חופּה, נאָר אַזוי פיל, וויפיל איך האָב געזאָגט און נישט וויפיל זיי הייסן זיך אָנ־

מעסטן. וועלן זיי מסכים זיין איז גוט, אז נישט — ר' שיעלע ציט זיך אויס אין זיין גאנצער לענג — א נישט, איז נישט."

„ס'וועט שוין זיין רעכט, ר' שיע. ס'איז בפירוש א זיווג מן השמים און דאָרט, וווּ ס'איז א זיווג מן השמים, מעגן זיך די מחותנים שטעלן אויפן קאָפּ, וועט זיין א מזל־טוב. א גוטן תמיד, ר' שיע".

יעקב מאָרגנשטערן גייט אוועק. פאַרזיכטיק שאַרט ער זיך אַראָפּ די טרעפּ. דאָס נאַפּט־לעמפּל, וואָס הענגט אין דרויסן, צאַנקט געל און טרויעריק און איז נישט בכוח צו באַלויכטן די טונקעלע, גליטשיקע טרעפּ.

אין דרויסן שנייט. א פייכטע נודנע קעלט, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער, נעמט אים אַרום. ס'איז שוין שפּעט אין אָוונט, ער לאָזט זיך גיין מיט איילנדיקע טריט.

פון דעם שידוך וועט שוין, ווייזט אויס, גאָרנישט ווערן. ער זעט עס בחוש. אזוי פיל מי אַריינגעלייגט אומזיסט. דאָס שדכנות־געלט וואָלט אים איצט שטאַרק צו־נוץ געקומען. נאָר גיי פועל ביי גבירים, וואָס אז זיי עקשנען זיך איין, וועסטו שוין גיכער רירן א מויער פונם אָרט.

און אפשר איז נאָר ער שולדיק. א געניטער שדכן וואָלט שוין געפונען א וועג, ווי אזוי אויסצופירן זיינס. און סך־הכל איז ער נאָר א לערער. א מענטש, וואָס לערנט קעבינס און דינסטן לייענען און שרייבן און פון דעם ציט ער זיין חיונה, מ'שטיינסגעזאָגט. אז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין א שטרוי. עטלעכע מאָל איז אים געלונגען דורכצופירן שידוכים, איז פּרווט ער, אפשר וועט עס גיין אויך ווייטער. די איצטיקע קאָרט איז אים נישט געראָטן. אי, ווען ס'געלונגט אים, וואָלט ער כאָטש אביסל געקאָנט אָפּאָטעמען! א גביר איז טאַקע בטבע א חזיר. נאָר, אז מען האָט צו טון מיט צוויי, וועט שוין איינער דערלייגן, וואָס דער צווייטער האָט נישט דערגעבן.

ער שטעלט זיך א ווײַלע אָפּ, כאַפּט־אָפּ דעם אָטעם. וואָס האָט ער זיך אזוי צו איילן, וואָס? אלע „לעקציעס" האָט ער שוין היינט געגעבן. אויסגעוועזן אין א צענטליק קיכן, געוויזן פּאַרהאַ־

רעוועטע דינסטן, ווי אזוי מען האלט א פּענע אין דער האַנט. מיט וואָסער אויף קאַשע איז ער שוין פאַרזאָרגט. איצט ווו נעמט מען אויף קאַשע?

דער שניי שיט און שיט און ווערט תיכף צערונען. די גאַס־לאַמטערנס ברענען טריב און אָרעם. ווען מען וואָלט זיי אריינ־גענומען אין א וואַרעמער שטוב אריין, וואָלטן זיי זיך פשוט מחיה געווען.

אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, לאָזט ער זיך גיין ווייטער. סימע די קעכין פון דעם מאַנופאַקטור־סוחר זעליג גאָלדמאַן, האָט אים געשיקט זאָגן, אז ער זאָל ארויפקומען צו איר. זי דאַרף, ער זאָל איר אָנשרייבן א בריוו. די צען קאָפּיקעס וועלן זיין אזוי ווי גע־פונען.

„א סך מלאכות, איז ווייניק ברכות" — מורמלט ער. סיי דער שדכן, סיי דער לערער, סיי דער מעשה־שרייבער, פאַרדינען אזוי פיל, אז ס'קלעקט קוים, קוים אויף איבערצוקומען די וואָך.

און ער ווייסט, אָט דער יאַנקל לערער, ער ווייסט עס אויף זיכער, אז ער איז א גוטער מעשה־שרייבער. זיינע מעשיות ווערן צעכאַפּט, ווי מצה־וואַסער, און מען לייענט זיי מיט גרוים הנאה. זיינע מעשיות „שבת קודש אין גן־עדן" און די „מעשה משני שותפים און שני קצבים" געפינט מען כמעט אין יעדער יידישער שטוב, סיי דאָ אין לאָדזש, ווו ער וווינט און מוטשעט זיך, סיי אין דער גאָרער וועלט.

ווער שמועסט נאָך זיין „מעשה פליאות מג' אחים, איין זעהר שיינע, וויכטיקע, וואונדערלעכע געשיכטע פאָן דריי ברידער, גרויסע לייט" — האָט גאָר א גרויסן שם איבער דער וועלט. די דאָזיקע מעשה האָט מען שוין עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט. און אלעמאָל האָט מען די ביכעלעך פאַרצוקערט. נאָר אָן אים, דעם מחבר, האָט מען, ווייזט אויס, פאַרגעסן. פון זינט ער האָט באַקומען די פאָר רובל פאַר דעם ערשטן דרוק, האָט ער שוין מער נישט געזען קיין פרוטה. און פאַר וועמען זיך צו קלאָגן איז נישטאָ. און יושר— עט.

ער דערמאָנט זיך יענעם ווינטער, ווען ער האָט געשריבן די „מעשה מג' אחים". א שווערער ווינטער געווען. אין זיין אָרעמער

שטוב אויף באַלוט האָט זיך צעלייגט דער דלות, ווי ביי זיין טאַטן אין וויינגאָרטן. דאָס ווייב איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון דער לעצטער קימפּעט. אויפן הארצן איז אים געווען אָנגעזאָלעט ביז גאָר. און אין אָט יענע לאַנגע, אומעטיקע ווינטער־נעכט איז אים איינגעפאַלן די מעשה מיט די דריי ברידער, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך גענומען אַ מצווה מקיים צו זיין. מיט זיי צוזאַמען האָט ער זיך געלאָזט אין דער וועלט אריין, איבערגעלעבט צוזאַמען מיט זיי זייערע וואַנדערונגען, די מניעות, וואָס האָבן זיך זיי אנטקעגנגעשטעלט. און אז גאָט האָט זיי געהאָלפן, זיי זענען עולה לגדולה געוואָרן — יעדער פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בת־מלכה און גערירשנט אַ קעניגרייך — האָט ער, דער אָרעמער יאַנקל לערער, פאַרגעסן אין זיין אייגענער אָרעמקייט. ער האָט זיך גע־פרייט מיט דעם גליק פון די ג׳ אחים.

די דאָזיקע וואונדערלעכע מעשה האָט אים דאַמאָלט באַפרייט פון זיין אומעטיקייט, געמאַכט אים פאַרגעסן זיין אָרעמקייט, און נישט אומזיסט קוויקן זיך מיט דער דאָזיקער מעשה די אָרעמע יידן און יידענעס, די קעכינס און די דינסטן, די באַלמעלאָכעס פון גאָר דער יידישער וועלט.

„אפשר — טראַכט יאַנקל לערער — אפשר זענען אַלע וואונ־דערלעכע און פאַנטאַסטישע מעשיות געבוירן געוואָרן אין אָרעמע שטיבער? די אָרעמקייט פון אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער האָט אין שיין פון די פאַרביקע און וואונדערלעכע פּאַסירונגען אָפּ־געאָטעמט אויף אַ ווייל, פאַרגעסן וועגן איר אייגענער נויט.״

ער אַליין האָט אַ סך וואונדערלעכע מעשיות איבערגעזעצט אויף יידיש. „מאַגעלאָנאַ די קרוינפּרינצעסין פאָן נעאַפּאָל״, „די־שיינע העלענאַ״ און „די שיינע בלומכע געגנאָוועפאַ״.

טראַכטנדיק די דאָזיקע מחשבות, פילט יאַנקל לערער נישט די קעלט, וואָס עסט זיך אים איין אין די ביינער. ער פילט נישט די נעץ, וואָס קריכט־אַדורך די אָפּגעריבענע זוילן פון זיינע שיך. ער באַמערקט אפילו נישט, אז ער איז שוין פאַרביי־געגאַנגען דאָס הויז, וווּ די קעכין וואַרט אויף אים, כדי ער זאָל איר אָנשרייבן אַ בריוו.

ערשט ווען ער כאַפּט זיך אויף פון זיין טראַכטן, באַמערקט ער, אַז ער איז פאַרקראָכן, ער בטלט־אויס אַלע חלומות צו זיין איינגענעם קאָפּ און קערט זיך אום צוריק.

אָט איז דאָס הויז, וווּ ס׳וווינט דער מאַנופאַקטור־סוחר זעליג גאָלדמאַן. יאַנקל לערער גייט אַריין אין הויף, מיידט אויס דעם פאַראַדנעם איינגאַנג און מיט די אונטערשטע טרעפּ, וואָס פירן צו דער קיך, לאָזט ער זיך אַרויפגיין.

סימע די קעכנע, אַ יונג שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל מיט קלוגע, לעבעדיקע אויגן, דערפרייט זיך מיט אים, ווי מיט אַן אבן טוב.

„איך האָב געמיינט, אַז זי וועלן שוין היינט נישט קומען, ר׳ יאַנקל. איך דאַרף אויף געניטיק זי זאָלן מיר אָנשרייבן אַ בריוו צו מיין מאַן, וואָס דינט ביי פּאָניען, אַ מיתה משונה זאָל ער איננעמען. מאַנעוורעס גלוסט זיך אים, זי הערן, ר׳ יאַנקל, מאַנעוורעס. אָן מאַנעוורעס דוכט זיך אים, פּאָנקעלע גנב, וועט ער ווערן בדיל הדל. מיין מענדל שרייבט מיר, אַז איך זאָל אים למען השם זען צושיקן אַ פּאָר קערבלעך. מען שיקט זיין ראָטע אוועק אַזש קיין סימביר, אַז שיקן זאָל מען פּאָניען אַכצן טעפּלעך קדחת אויף שלח־מנות...״

אין דער וואַרימער קיך פילט יעקב מאָרגנשטערן, ווי די קעלט, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער, טרעט פון אים אָפּ. ער רייבט זיך די פאַרפרוירענע הענט און זאָגט צו דער באַרעדעוודיקער קעכין:

„זייען זי אַזוי גוט, סימע, און דערלאַנגען זי מיר טינט און פעדער מיט אַ בויגעלע פּאַפּיר, וועל איך אין אָנשרייבן אַ בריוול צו אינם מאַן״.

סימע נעמט אַפּער אַ בויגעלע פּאַפּיר פון אונטער דער צעראַ־טע, וואָס דעקט־צו דעם קיך־טיש. זי שטעלט אַוועק טינט און פעדער אויפן טיש.

„ווי אַזוי ווילן זי זאָל איך שרייבן דעם בריוו, אויף פּראָסט יידיש, צי אויף מאָסקוויטעריש?״ — פרעגט יאַנקל לערער.

„אויף מאָסקוויטעריש, ר׳ יאַנקל. מען זאָגט, אַז מען שרייבט

אויף מאָסקוויטעריש, גיט מען גיכער אָפּ דעם בריוו. אויף יידיש קאָן נאָך פאַרפאַלן ווערן".

יאַנקל לערער זעצט זיך אַוועק, טונקט איין די פּענע אין טינ־טער און וואַרט סימע די קעכין זאָל אים זאָגן, וואָס ער זאָל שרייבן.

סימע זעצט זיך אַנטקעגנאיבער אים. שפּאַרט־אָן די עלנבויגנס אויפן טיש און טראַכט פון וואָס אָנצוהויבן.

„שרייבן זי אים, ר' יאַנקל, אַז זיין בריוו האָב איך באַקו־מען, אַז קיין נחת פון זיינע בריוו האָב איך נישט, אַז איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן די מינוט, ווען ער וועט זיין פריי. שרייבן זי, אַז איך פאַרשטיי, אַז ס'איז אים געגוג ביטער צו דינען פּאָ־ניען. זאָל ער פאַרשטיין, אַז דינען ביי אַ חזיר, ווי זעליגל גאָלד־מאַן, איז אויך נישט קיין קלייניקייט. איידער מען דערזעט ביי אים די פּאָר גילדן, קריכן גוט אַרויס די אויגן פונם קאָפּ".

סימע זיפצט־אָפּ. יעקב מאָרגנשטערן ציקלט די אותיות פּאַ־מעלעך, פּאַמעלעך. סימע רעדט אויף יידיש. ער אָבער שרייבט אויף רוסיש. און רוסיש איז דיר נישט קיין קלייניקייט.

„און דאָס, וואָס ער הייסט זיך שיקן אַ פּאָר רובל — דיק־טירט ווייטער סימע — וואָלט איך אים גערן געשיקט, האָב איך אָבער נישט, און געבן אויף פאָרויס, איז מיין באַלעבאָס, אַ מיתה משונה זאָל ער איינגעמען, נישט קיין בעלן. סיידן גיין צו אַ פּראָ־צענטניק, וואָס רייסט דערנאָך שטיקער. האָב איך אים שוין גע־שריבן אין פריערדיקן בריוו, אַז דאָס לעצטע געלט, וואָס איך האָב אים געשיקט, האָב איך טאַקע געגומען אויף פּראָצענט, און איך קאָן זיך נישט אויסצאָלן ביז צום היינטיקן טאָג".

סימע פאַרטראַכט זיך. אין דרויסן הערט מען שווערע טריט. די טרעפּ קרעכצן.

די טיר עפנט זיך און עס קומט אַריין אַ הויכער משונהדיקער מענטש מיט אַ קאָלטונעוואַטער באָרד און גרויסע קעלבערנע אויגן. ער איז אָנגעטון אין ברודיקע שמאַטעס.

סימע די קעכין גיט אַ פּאַטש מיט די הענט:

„ט'אָסטו דיר אַ גאַסט. אין מיצקע דרינען, שמחה פּלאַכטע. ס'קאַצל קומט! וואָס פאַר אַ רוח האָט דיך אָנגעטראָגן?"

„היינט איז דאָנערשטאָג, סימע. איך בין געקומען, ר' זעליג זאָל באַצאָלן פאַר דער וואָך, וואָס איך האָב געטראָגן וואַסער. אויב ר' זעליג מיר נישט באַצאָלן, מיין ווייב וועט שרייען, שעלטן, שלאָגן, און שמחה פּלאַכטע וועט נישט האָבן אויף שבת".

„ווערסט קומען מאָרגן אין דער פרי, שמחה. איצט איז דער באַלעבאָס נישטאָ אין דער היים. קום מאָרגן אין דער פרי פאַר זיבענע, הערסט, וואָס מען זאָגט דיר, שמחה?"

שמחה קראַצט זיך מיט ביידע הענט דעם געדיכט־באַוואַקסע־נעם קאָפּ.

„מאָרגן, מאָרגן. תמיד דו מיר זאָגסט מאָרגן. איך מאָרגן קומען. מיר נישט גיבן געלט, זיין שלעכט, זייער שלעכט."

„איך זאָג מאָרגן, בהמה. דער באַלעבאָס זאָגט מאָרגן, זאָג איך מאָרגן. גיי שוין גיי, שמחה. זעסט דאָך, אז מען שרייבט אַ בריוו".

יעקב מאָרגנשטערן באַטראַכט דעם מאָדנעם פּאַרשוין. ווו האָט ער אים געזען אַמאָל? די געשטאַלט, דאָס פּנים? אהא! ניין, ס'איז נישט געווען ער, נאָר אַן ענלעכער צו אים. דערנצמאָל נאָך, ווען ער, יאַנקל, איז געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד. איצט ווייסט ער שוין אויף זיכער, דעם רבינס גבאי. שמחה פּלאַכטע האָט אים דערמאָנט דעם אַלעקסאַנדער גבאי, ר' בערעלע גאָראָ־דאָוואַי.

און יעקב מאָרגנשטערן, דער לערער, דער בריוו־שרייבער, דער שדכן, דער בדחן און דער מעשה־שרייבער, מאַכט־צו די אויגן אויף אַ וויילע און דערזעט אַ מאָדנע זעאונג. דער גולם שמחה פּלאַכטע, דער וואַסער־טרעגער, זיצט אין אַ שטריימל, פּראַוועט טיש. חסידים שטופּן זיך צום אויבן־אָן, ווו ער זיצט, און זיי רופן אים „רבי".

„נו, ר' יאַנקל, שרייבן זי ווייטער. דער גולם איז שוין אַוועק־געגאַנגען" — זאָגט סימע די קעכין.

יעקב מאָרגנשטערן האָט אפילו נישט געהערט, ווען שמחה

איז אוועקגעגאנגען. סימעס קול וועקט אים אויף, ווי פון א חלום.

„ווער? דער רבי איז אוועקגעגאנגען?"

„וואָס פארא רבי, ר' יאנקל? שמחה פלאכטע איז אוועק־געגאנגען".

„איך מיין טאקע שמחה פלאכטע, סימע" — זאָגט יעקב מאָרגנשטערן און צולאכט זיך אויפן קול.

סימע דיקטירט ווייטער דעם בריוו און יאנקל לערער שרייבט. ווער ווייסט, אפשר וואָלט זיך דער בריוו קיינמאָל נישט געענדיקט. א גליק, וואָס דאָס פאפיר האָט זיך געענדיקט.

סימע די קעכין באצאָלט אים פאר דער טרחה צען קאָפיקעס און יעקב מאָרגנשטערן לאָזט זיך אהיימגיין.

ער איז פריילעך ביז גאָר. פילט נישט די קעלט. ער האָט איצט א נייע מעשה. א פריילעכע ביז גאָר. ווי שמחה פלאכטע ווערט א רבי. דער עולם וועט לאכן און די חסידים וועלן קריצן מיט די ציין.